**לערנער, יוסף־יהודה** — (13טן יאַני, 1847 — 23סטן יאַני, 1907) — געב׳ אין בערדיטשעוו, אוקראַינע. ביז 13 יאָר געלערנט ייִדישע לימודים, דאַן (1861) געקומען קיין זשיטאָמיר, וואו ער האָט באַזוכט די גימנאַזיע. 1862 דעביוטירט (א״פ יוסף־יואל הערדנער) אין קול מבשׂר (נומ׳ 10־11, 1862) מיט אַ ביאָגראַפיע פֿון דעם וואונדערלעכן ייִדישן פֿאָלקס־מוזיקאַנט, מיכאל־יוסף גוזיקאָוו, און אין דעם רוסישן קיִעווסקי טעלעגראַף (1862). 1866 האָט ל׳ זיך באַזעצט אין אָדעס, וואו ער איז אין משך פֿון אַ יאָר געווען אַ פֿרײַער צוהערער אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט פֿון נײַ־רוסישן אוניווערסיטעט. אַרום 10 יאָר איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין אָדעסקי וויעסטניק און זיך אויך באַטייליקט אין די רוסישע קיִעווליאַנין, נאָוואָראָסעיסקי טעלעגראַף, אויך אין דער רוסישער בײַלאַגע צום הכרמל. געשריבן אין דער רוסישער פּרעסע וועגן ייִדישע ענינים און וועגן דער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע צווישן דער נײַער ייִדיש־רוסישער אינטעליגענץ אַפּצושאַצן דעם באַדײַט און דעם ווערט פֿון ייִדיש און האָט דער ערשטער פּאָפּולאַריזירט די ייִדישע ליטעראַטור פֿאַר די לייענערס אין רוסיש. זײַן רוסישע בראָשור וועגן אַקסענפֿעלדן (אָדעס, 1869) איז אפֿשר אין יענער צײַט געווען די ערנסטסטע קריטישע אַרבעט וועגן אַ ייִדישן שרײַבער. ער איז געווען איבערגעגעבן צו ייִדיש, און הגם ער איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער רוסישער זשורנאַליסט, האָט ער זיך ניט געשעמט צו שרײַבן ייִדיש, ווען אַנדערע האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר אַן אומכּבֿוד. אין דער זעלבער צײַט האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין דער העברעאישער ליטעראַטור און פּרעסע און איז געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף קעגן

דער אַלטער השׂכּלה. ווען אַ. ב. גאָטלאָבער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן פּאַמפֿלעט אגרת צער בעלי־חיים קעגן דעם געוואָגטן איבערשאַצער פֿון די אַלטע ווערטן, אַ. קאָוונער, האָט אים ל' אָפּגעענטפֿערט מיט אַ פּאַמפֿלעט א"ט דורש אל המתים (אָדעס, 1867), וואו ער נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון אַ. קאָוונער און די יונגע משׂכּילים און האָט שאַרף אָנגעגריפֿן גאָטלאָבערן און די אַלטע משׂכּילים בכלל פֿאַר זייער אָפּגעריסנקייט פֿון לעבן, פּוסטער מליצה און בטלנות. „דער לעבנס־גײַסט — זאָגט ל' אין זײַן פּאַמפֿלעט, — וואָס די יונגע פֿאָדערן פֿון אונדזערע שרײַבערס, איז גאָר אַן אַנדערער, ווי יענער שלעכטער גײַסט, וואָס שרעקט אַזוי די גרויסע מענטשן. דער דאָזיקער גײַסט פֿאָדערט פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן שרײַבן, וואָס מיר פֿילן, און וואָס עס גייט אַרויס פֿון אונזער האַנט, זאָל זײַן געבויט אויף גרינדלעכע באַווײַזן, אַז ווייניקסטנס מיר אַליין זאָלן ניט ספֿקן אין זייער אמתדיקייט". אָבער נאָך מער ווי אין העברעאיש האָט זיך ל' אויסגעצייכנט ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער אין ייִדיש, וואו ער איז ממש געווען איינער פֿון די ערשטע פּיאָנערן. מיט זײַנע רעצענזיעס וועגן די ווערק פֿון אַקסענפֿעלד, מענדעלע, שלום־עליכם א"אַ, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יודישען פֿאָלקסבלאַט, ווי אויך מיט זײַנע אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדישער פּאָעזיע, פֿאָלקלאָר און מוזיק האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר איינעם פֿון די אויסגעהאַלטנסטע און אָביעקטיווסטע קריטיקערס. „אויבן־אויף קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז אין זײַן קריטיק איז ל', אַזוי ווי פּיסאַריעוו, בלויז ראַציאָנאַליסטיש, (...) אָבער — ניט געקוקט אויף זײַן „פּיסאַריעווטשינע", קומען אויף אין אים גדאַנקען, בעסער געזאָגט, געפֿילן, מכּוח קונסט־פּראָבלעמען. דערמיט איז ער אַנדערש ווי די דעמאָלטיקע רעאַליסטן־קריטיקער (...) אין זײַן רעאַליסטישער קריטיק זײַנען ניכּר צוויי זאַכן: אַ) זײַן מאָנען נוצן און ב) אָביעקטיווע עסטעטיק (...) זײַן גאַנצע קריטיק רוט אויף גלויבן, אַז דער ציל פֿון קונסט איז צו ברענגען נוצן דעם פֿאָלק (...) ער האַלט דאָס שרײַבן פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכער עובֿדא, (...) דעריבער מוז דער שרײַבער זײַן אויסערגעוויינטלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַן וואָרט, ער מוז זײַן אויסערגעוויינטלעך פּינקטלעך אין באַשרײַבן די ווירקלעכקייט" (נ. ב. מינקאָוו). — אין העברעאיש האָט ל' אַרויסגעגעבן אַ היסטאָרישע מאָנאָגראַפֿיע הכּוזרים (אָדעס, 1868), אַ דערציילונג פֿון דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד א"ט ימים מקדם (אָדעס, 1868), אַן איבערזעצונג פֿון דער רעדע, וואָס דער אַרציבישאָף דימיטרי האָט געהאַלטן בעת דעם אָדעסער פּאָגראָם, א"ט קול מורה (אָדעס, 1871), און אין ייִדיש אַ בראָשור, א"נ אויס רבי, קעגן אליעזר צווייפֿעלס ווערק שלום על ישׂראל (אָדעס, 1868) און אַ באַשרײַבונג פֿון דעם ערשטן מוסד פֿונים גרויסען הויז ראָטשילד, ר' מאיר אַנשל מיט אַלע זײַנע פֿינף זין (אָדעס, 1869).

אַרום 1873 איז ל' צוליב אַ קרימינעלן פֿאַרברעכן אַנטלאָפֿן קיין ווין. צוזאַמען מיט אַ. ב. גאָטלאָבערן האָט ער דאָרט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זשורנאַל הזמן, אָבער סמאָלענסקין האָט גאָטלאָבערן אָפּגערעדט פֿון דעם שותּפֿות. פֿון דעם זשורנאַל איז אַרויס בלויז דער פּראָבע־נומער. דאָס איז געווען ל'־ס לעצטער אָנהאַלט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ווען די רוסיש־טערקישע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ל' (צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע זשורנאַליסטן) מיטגעגאַנגען מיט דעם רוסישן מיליטער און אין משך פֿון 1878 האָט ער אין בוקאַרעשט אַרויסגעגעבן אַ ט"ב אין רוסיש א"נ זאַפּיסקי גראַזשדאַנינאַ. אין בוקאַרעשט האָט ער זיך באַקענט מיטן ייִדישן טעאַטער, וואָס אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען האָט געגרינדעט אין רומעניע. ווען ל' האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, האָט ער באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ טעאַטער, וואָס זאָל באַפֿרידיקן אויך דעם ייִדישן אינטעליגענט. צו דעם צוועק האָט ער אין 1880 איבערגענומען דעם „מאַריאַין־טעאַטער", האָט, אָבער, באַלד אײַנגעזען, אַז כּדי צו געבן דעם עולם בעסערע ייִדישע פּיעסעס, פֿאָדערן זיך באַגאַבטע דראַמאַטורגן, וואָס זײַנען דעמאָלט בײַ ייִדן ניט געווען, האָט ל' גענומען פֿון אַנדערע ליטעראַטורן באַוואוסטע דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָבן אַ ייִדישע טעמאַטיק, זיי אַליין איבערגעזעצט און באַאַרבעט אין אַ פֿײַנעם ייִדיש. צווישן די דאָזיקע ווערק זײַנען געווען: קאַרל גוצקאָווס טראַגעדיע אוריאל אַקאָסטאַ און אַ. ע. סקריבס די ייִדין. צום ערשטן מאָל איז אוריאל אַקאָסטאַ אַרויס פֿון דרוק אין אָדעס (1885, 45 זז') און זינט דעמאָלט איז די טראַגעדיע אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף אַלע ייִדישע בינעס. ל'־ס איבערזעצונג פֿון די ייִדין איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע, אין 1889, א"נ זשידאָווקאַ. ל' האָט אויך באַאַרבעט פֿאַר זײַן טעאַטער, די פּיעסעס: מאַזענטאַלס דעבאָראַ, דראַמע אין 4 אַקטן און 9 בילדער; מוטער־ליבע, אָדער צוויי חתונות אין איין טאָג, מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן (פֿון פֿראַנצייזיש); דער פֿעטער משה מענדעלסאָהן — „אַ דראַמאַטישעס בילד אין איין אַקט, נאָך דעם דײַטשען, פֿאַר דער ביהנע באַאַרבייטעט" (וואַרשע, 1899, 26 זז'); מנחם בן ישׂראל, „אַ דראַמע אין פֿינף אַקטען און נײַן קאַרטינעס", פֿון רוסיש (1882). ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע אָריגינעלע פּיעסעס: יהודית — „אַ היסטאָרישע דראַממאַ אין פֿיער אַקטען אונ פֿינף בילדער", וואַרשע, 1888, 40 זז'; חנוכּה, אַ היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן און 7 בילדער, וואַרשע, 54 זז', א"אַ. ל' האָט דער ערשטער אויפֿגעפֿירט ד"ר שלמה עטינגערס סערקעלע. ער האָט אויך צוגעצויגן צו זײַן טעאַטער שמ"רן, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין אָדעס, און אויפֿגעפֿירט עטלעכע פֿון זײַנע פּיעסעס. ווען גאָלדפֿאַדען איז צוריקגעקומען פֿון זײַן רײַזע איבער רוסלאַנד, האָט ל' צוזאַמען מיט גאָלדפֿאַדענען און שמ"רן אָנגעפֿירט ווײַטער מיטן

טעאַטער אין אָדעס. עס האָט זיך, אָבער, באַלד אָנגעהויבן אַ קריגערײַ צווישן די שותּפֿים און ל׳ איז אין גאַנצן אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון טעאַטער. ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צו זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט. 1884-1883 האָט ל׳ באַזוכט דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך — ווי דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער מאָסקווער צײַטונג רוסקיִאַ וויעדאָמאָסטי און האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען אין אַנדערע צײַטונגען. צוריקגעקומען קיין אָדעס, האָט ער גענומען איבערזעצן גרעצעס ייִדישע געשיכטע, פֿון וועלכער ס׳איז אין 1887 אַרויס בלויז איין באַנד („אַ אידישע געשיכטע פֿון נאָך עזרא״). פֿון זײַנע אַנדערע אַרבעטן אויף ייִדיש פֿון יענעם פּעריאָד צייכנט זיך אויס באַזונדערס זײַן אָפּהאַנדלונג א״ט די יודישע מוזע (אין ספּעקטאָרס הויזפֿרײַנד, 2, זז׳ 198-182). אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג ברענגט ל׳ אויך מוסטערן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־פּאָעזיע און ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער העברעאיסטישער מליצה, קעגן די „אָנהענגער פֿון לשון־קודש [וואָס] ווילן ניט לײַדן, אַז רעכטע מענטשן זאָלן שרײַבן אין זשאַרגאָן; אויך קעגן די „נאַציאָנאַליסטן״ ווי קעגן די אַסימילאַטאָרן און די „מיוחסים״, וואָס מיינען, אַז זיי טוען דער וועלט די גרעסטע טובֿה, ווען זיי „לאָזן זיך אַראָפּ״ צו שרײַבן ייִדיש און פֿאַרגיסן פֿאַלשע טרערן איבער דער אָרעמקייט פֿון „זשאַרגאָן״. שפּעטער האָט ל׳, די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, דער באַגאַבטער שריפֿטשטעלער אין דרײַ שפּראַכן, פּיאָנער פֿון דעם ייִדישן קינסטלערישן טעאַטער, פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר, פֿון ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק און פֿײַנער ייִדישער סטיליסט — זיך געשמדט. אַ סבֿרה, אַז נאָך פֿריער פֿון דעם איז ער געווען אַ פֿאַרברענטער ייִדנפֿײַנד, אַ מיסיאָנער און אַ שתּדלן בײַ דער רוסישער פּאָליציי. „ווי אַזוי די דאָזיקע פֿאַקטן — שרײַבט זלמן רייזען — לאָזן זיך פֿאַרבינדן מיט דער שפּעטערער טעטיקייט ל׳־ס אויפֿן געביט פֿון ייִדישער ליטעראַטור און טעאַטער, איז אונדז שווער פֿעסטצושטעלן״. — ל׳־ס באַדײַט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז, בעיקר, ווי פֿון אַ קריטיקער־פּיאָנער. — „קריטיק איז געווען ל׳־ס אני מאמין. עס איז בײַ אים געווען זייער וויכטיק, מען זאָל ריידן ייִדיש „ריין, קלאָר, ערנסט און פֿונם האַרצן״ (...) ל׳ האָט געפֿאָדערט שלימות. ניט מחמת עסטעטיזירונג, ניט מחמת ריינער קונסט, וואָס אים איז דאָס געווען דערווידער, ער האָט עס געפֿאָדערט צוליב דער פֿולער האַרמאָניע פֿון פֿאָרם און אידייען״ (נ. ב. מינקאָוו). — (זײַן זון, ניקאָלאַי ל׳, אַ קריסט, איז אַ באַוואוסטער רוסישער ליטעראַטור־היסטאָריקער און פּושקין־פֿאָרשער).

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2; רבי קצין (י. ח. ראַווניצקי), אין שלום־עליכמס יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטהעק, ב׳ 1, קיִעוו, 1889, זז׳ 342-338; ב. גאָרין, געשיכטע פֿון אידישן טעאַטער, ב׳ 1, זז׳ 236-227, ב׳ 2, ז׳ 269; ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער, ב׳ 2; ד. קעסלער, דער טאָג, נ״י, 21סטן יאַנ׳ און 4טן פֿעב׳, 1917; דזשייקאָב פּ. אַדלער, דיא וואַרהייט, נ״י, 27סטן יולי, 1918; נח פּרילוצקי, ייִדיש טעאַטער, ביאַליסטאָק, 1921, זז׳ 46-45; ש. ל. ציטראָן, מאָמענט, וואַרשע, 18טן און 25סטן נאָוו׳, 1927; י. רימיניק: טעאַטער־בוך, קיִעוו, 1927, ז׳ 79, ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, 1, 1930, זז׳ 519-518, און צײַטשריפֿט, ב׳ 5, מינסק, 1931; ר. גראַנאָווסקי, פּנקס פֿון אַמאָפּטייל פֿון ייִוואָ, נ״י, 1928-1927, זז׳ 214, 216; ש. באָראָוואָי, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, 3, ווילנע, 1929, זז׳ 484-472; יעקבֿ גאָרדינס בריוו צו זײַן פֿרײַנד ראָזענבלום, דער מאָמענט, וואַרשע, 28סטן יוני, 1929; א. ר. מלאכי, הדואר, נ״י, 4טן און 11טן יאַנ׳, 1935; י. קאָרן, קעשעניעוו, ב״א, 1950, זוכצעטל; ראָזע שמ״ר־באַטשעלים, אונזער פֿאָטער שמ״ר, נ״י, 1950; נ. ב. מינקאָוו, זעקס ייִדישע קריטיקער, פֿ״ג ייִדבוך, ב״א, 1954; ח. ש. קאַזדאַן, פֿון חדר און „שקאָלעס״ ביז „ציִשאָ״, מעקסיקאָ, 1956, זוכצעטל; ש. ניגער, בלעטער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נ״י, 1959, זז׳ 397-395.

ח. י.